„Redomer-Kielcer Leben" 29 (369) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען


# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײַנט 8 זײַטן.

Radom, dnia 24 Lipca 1931 r.

ראַדאָם, פרײַטאָג, י׳ מנחם אב תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרײַז:

אײן מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
אין „ „ 60 „
נאָכ׳ן „ „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זײַט ענטהאַלטען 8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 „



בצער גדול ויגון קודר הננו מודיעים ע״ד פטירת אבינו היקר, והנעלה המצוין במדותיו הטובים

נזר משפחתנו החסיד הנכבד

# ר׳ אלי׳ גאטליעב נ. ע.

שנקטף מאתנו בשנת הששים ושתים לחייו ומביעים תודה לכל מי שהשתתף בהלויתו למנוחת עולמו.

## אשתו, בניו, בתו, כלתיו, חתנו ונכדיו.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער
ג׳ פרעזעס ר׳ מאטיל זוויקעלסקי נ״י
צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין ג ר ו ד ע ר

## אהרן דוד פון פאביאניץ ע״ה

אין דער ווייטערדיגער ארבייט לטובת ארימע קראנקע
זאל ער זיין טרייסט געפונען.

פערוו. „לינת-הצדק" ראדאם.

דער פאמיליע ג א ט ל י ב
צוליב׳ן טויט פון זייער פ א ט ע ר

## ר׳ אלי׳ נ. ע.

דריקט אוים טיפען מיטגעפיהל
פערוואלטונג פון דער געז. „עזרה"
אין ר א ד א ם.

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער, וואס האט געטראפען
דער חשוב׳ער פאמיליע ג א ט ל י ע ב
צוליב דער גרויסער אבידה און טוידט פון זייער געאכטעטען און נישט
פערגעסענעם מ א ן און פ א ט ע ר דעם אדם-חשוב

## ר׳ אלי׳ גאטליעב נ. ע.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פ ר ו י, זין,
ט ע כ ט ע ר, א י י ד ע ם, ש נ י ר ע ן און א י י נ י ק ל ע ך.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל פון דער
פירמע גאטליעב (אייזען-פאבריק)
מאדזשע מינץ, ידידיה לאנדוי, אהרן דיאמענט.

ד י ק א נ צ ע ס י א נ י ר ט ע

# צ ו ש נ י י ד ע ר = ש ו ל

פון ה. ל. גאלדשטיין, בענדין, קאללאנטאיא 45

מאכט באקאנט, דאס אום אויסצונוצען דעם חודש שערפיען ווען שניידער ועגען ווייניק באשעפטיקט, און צוליב דעם קריזיס, וואס הערשט אין שניידער-פאך, ווערט איינגעארדנט ביי דער שול א 4 וואכעדיקער

## ג ר ו פ ן = ש נ י י ד ע ר = ק ו ר ס

פאר א הנחה-פרייז נעמליך אנשטאט 200 זל. 125 זל.

פארשרייבן קען מען זיך פערזענליך אין קאנצעלאריע פון דער שול יעדן טאג פון 4 ביז 8 נ. מ. ווי אויך בריוולעך. צוגערייזטע ווערן פארזארגט

מיט ביליגע וואוינונג און קעסט.

נוצט אויס די געלעגנהייט. פראספעקטן גראטיס.

# אונגארישער רב זיצט 6 חדשים אין טורמע

## פאר סטראשען צו דערשיסען דעם מונקאטשער רבי'ן

### (פון אונזער קארעספאנדענט)

עדענבורג איז א היבשע יודישע שטאדט. זי ליגט הארט ביי דער גרעניץ צווישען עסטרייך און אונגארן, אין דעם זאגענאנטען „בורגענלאנד". די שטאדט געהערט איצט צו אונגארן.

אין עדינבורג איז א־מאל פארגעקומען א גרויסע מלחמה צווישע פרומע יודען.

אין עדינבורג איז מיט א שטיק צייט צוריק געשטארבען דער דארטיגער רב, ר' משה גרינוואלד, זיין נאכפאלגער האט געזאלט זיין דעם פערשטארבענעם רב'ס זוהן, מלכיאל גרינוואלד. האבען אבער עדינבורגער באלעבאטים נישט געוואלט מלכיאל גרינוואלד פאר א רב, ווייל ער וואוינט אין וויען, און ווייל ער איז א שטיקעל שרייבער.

וואס שרייבט ער?

הויפטזעכליך, ווי ער האט אליין דערצעהלט אין געריכט ביי זיין פראצעס, שרייבט ער בריף צו זיינע פיינד. פאר איין בריף אזא איז ער, געבען, אפגעזעסען זעקס מאנאטען אין טורמע.

האבען זיך עדינבורגער יודען, אלזא, אויסגעקליבען אנ'אנדער רב, ר' שמעון פאזען.

ר' מלכיאל גרינוואלדס אנהענגער האבען אבער אויך נישט געשוויגען. זיי האבען געגרינדעט אנ'אייגענע פארטיי מיט אנ'אייגענעם בית־המדרש און האבען בעקעמפט דעם פרעמדען רב. די גרינוואלד־פארטיי האט באיקאטירט דעם רב.

עדינדבורג איז געגאנגען אויף רעדלעך.

אנגעפיהרט די מלחמה געגען דעם פערשטארבענעם רב'ס זוהן ר' מלכיאל גרינוואלט, האט נישט קיין אנדערער ווי דער בעקאנטער גוטער יוד, ר' אליעזר שאפירא, פון מונקאטש. טשעכא־סלאוואקיען. דער מונקאטשער רבי איז בעקאנט צוליב דער מלחמה, וועלכע ער פיהרט שוין יאהרען־לאנג געגען דעם בעלזער רבי פון גאליציען און געגען די בעלזער חסידים. די מלחמה איז טאקע גאר א געפעהרליכע. מען האקט קעפ, מען לעגט זיך אין חרם געגענזייטיג. און איין צד וויל דעם אנדערן צד עוקר מן השורש זיין.

ר' מלכיאל גרינוואלד האט זיך דעמאלט געפינען אין וויען (עדינבורג ליגט צוויי שטונדען רייזע פון וויען). דערהערט, אז דער מונקאטשער האט געשאלטען זיין פערשטארבענעם פאטער, נעהמט ער און שרייבט אן א בריף צום מונקאטשער צדיק, אז דער רבי זאל, למען השם, שנעל אפזאגען ווידוי, ווייל ער, מלכיאל גרינוואלד, איילט זיך צו קומען און איהם אוועקלייגען א טויטען. דאס — שרייבט ער ווייטער אין דעם בריף — וועט זיין די גרעסטע מצוה, וואס ער, ר' מלכיאל, קאן טוהן. ער האפט, אז זיין ליבער נאמען וועט איהם גאנץ בעזונדערס בעלוינען מיט כל טוב. דערפאר, ער וועט דעם מונקאטשער צדיק ארויבערפעקלען אויף יענער וועלט.

געוויס מיינט דאס סטראשען מיט מארד.

אבער וואהרשיינליך איז דער בריף געשריבען געווארען אין שרעקליכער אויפרעגונג, און דער בריף־שרייבער האט אליין נישט געוואוסט, וואס ער שרייבט, דער מונקאטשער צדיק האט אבער נישט געהאט קיין איינזעהעניש. ער האט איבערגעגעבען דעם בריף צו דער פאליציי. און ר' מלכיאל גרינוואלד איז ארעסטירט געווארען.

מען האט געמאכט א אונטערזוכונג אין זיין וואוינונג, און מען האט געפונען ביי איהם א געלאדענעם רעוואלווער.

ער איז אפגעזעסען, געבען, זעקס מאנאטען, אין טורמע אין וויען. אזוי לאנג האט געדויערט די אונטערזוכונג געגען איהם.

ר' מלכיאל גרינוואלד איז א בעקאנטער טיפ אין וויען. איך קאן איהם פון זעהען. ווי געזאגט, איז ער א שטיקעל שרייבער, ער פערפאסט פירושים אויף רעליגיעזע ספרים און אינטערעסירט זיך מיט רעליגיעזע ארגאניזאציעס. ער איז א רויטער, מיט א רויטער בארד און פיאות און א שטיקעל פאנטאזיאר.

— וואס איז אייך איינגעפאלען? — זאגט צו איהם דער ריכטער ביי זיין פראצעס – ווי קאנט איהר סטראשען א מענש מיט מארד?

— איך האב עס נישט געמיינט ערנסט. ביי יודען — זאגט ער — אז מען קריגט זיך, איז א מינהג, ארייננצוזאגען: „איך וועל אייך דורס זיין", „איך וועל אייך ממית'ן". „איך וועל אייך קוילענען".... אבער מען מיינט עס נישט אין ערנסט. עס איז נישט קיין ווירקליכער מארד־סטראשונעק. עס איז בלויז געקריגט זיך.

— איהר האט דאך אבער געשריבען אין דעם בריף, אז דער רבי זאל אפזאגען ווידוי, און אז איהר וועט איהם אריבערפעקלען אויף יענער וועלט און, אז דאס איז נאך א גרויסע מצווה — בעמערקט דער ריכטער.

— דאס איז אויך בלויז אזא „רעדענסארט" — ענטפערט דער אנגעקלאגטער — איך בין געווען זאגט ער שרעקליך איפגעבראכט אויפ'ן רבי'ן, ווייל ער האט געשאלטען מיין טויטען פאטער, דעם בעריהמטען עדינבורגער

---

וויטש, האט פלוצלינג געשריבען א בריף צו מאשע מיט דעם נוסח:

„דא האסטו צוריק דיין נדן. נאך אמאהל זאג נישט קיין ליגען און בעריהם זיך נישט, אז כ'האב דיך גענומען בלויז אויס ליעבע. דיינע א קאלעושאנקע פאר וועמען דו האסט זיך אזוי געגרויסט מיט דיין שעהנקייט און גרויסע מעלות, האט מיר געגעבען ווענינער געלד און אפשר גארנישט, אבער זי איז שענער, געבילדעטער און געראטענער פאר דיר. און זי וועט מיין כלה זיין. האב נישט פעראיבעל אויף דיין קאלעושאנקע. אויב ביסט איהר געטריי, דאן ווינש איהר מזל־טוב. וועסט אליין מודה זיין, אז אבלאזענדיג מיט דיר האב איך נישט געטוהן קיין אנ'עבירה, גיכער א מצוה. דו האסט געלד און פאר געלד בעקומט מען אלץ היינטיגע צייטען. אויב דיין געלד האט מיך נישט געקענט בעצויבערען און כ'בין אוועק דארט, וואו ס'איז קיין געלד נישטא — איז עס דערפאר, וואס איך בין א נאר, אבער דיין צוקונפטיגער זמת'ער זיווג וועט שוין קיין נאר נישט זיין. ער וועט זיין קלוגער, פראקטיש, סוחריש און דיין געלד וועט איהם יא פערשאפן ליעבע...

זאל דיר גאט העלפען".

פ. פאליער.

---

## טאג־בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

### רבקה'לע די ווארשאווער ווירטין מיין אמאליגע סימפאטיע.

דאס געשפרעך איז געפיהרט געווארען אונטער פיר אויגען. ס'איז קיינער נישט געווען דערביי, נאר איך און זי, רבקה'לע. זי איז געלעגען אויף דער פלושענער סאפקע ארומגעבונדען מיט א פוך וואסער דעם קאפ און מיך האט זי געבעטען זעצן נעבען איהר אין א טיפען סאמעטענעם פאטעל. איך האב איינגאנצען געפיבערט, ווי ס'וואלט מיט מיר געווארפען א קדחת. עפעס האב איך אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז דער געשפרעך וועט מיך ערשיטערען מיט א נייע ווילדע סענסאציע. עפעס האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז דאס געשפרעך וועט איפרייסען אין מיר מיין גאנץ אינגעווייד. כ'האב געהאט אין דעם מאמענט א פערלאנג, אז דאס געשפרעך זאל זיך אינגאנצען נישט אנהויבען און זי רבקה'לע זאל מיך בעסער הייסען געהן. כ'האב נישט געוויסט אויף קלאר וואס אזעלכעס דאס געשפרעך וועט מיר ברענגען; דער קאפ איז מיר געווען פערוואלקענט אין מיין גאנץ בעוואוסטזיין איז געווען ארומגענומען ווי מיט א נעפעל. אבער אין דעם גאנצען וואלקען און דורך דעם געדיכטען נעפעל האב איך געפיהלט ווי עס רייסט זיך דורך א מעכטיגער שטורעם, וואס וועט מיך צוטרייסלען ווי א פערוויעלקט הערבסט־בלעטעל. און דערפאר האב איך אזוי געציטערט

# קעלצער אבטיילונג.

## געוועהלט א נייע קהלה-פערוואלטונג.

### משיח׳ס צייטען אין דער קעלצער קהלה. — א בלאק פון ציוניסטען, מזרחי׳סטען, האנדווערקער און... אגודה.

אין דער צייט, ווען די העכסטע יודישע רעפרעזענטאנץ אין דער מעטראפאליע שטורמט אזוי מיט סקאנדאלען, ווען אין א טייל קהלות, און בתוכם אונזער שכנות׳דיגער שטאדט ראדאם, זענען בלוטיגע געשלעגען אויפ׳ן ערשטען פונקט פון דער טאג-ארדנונג, אין דער זעלבער צייט האט זיך די טעטיגקייט פון דער נייער קעלצער קהלה אנגעהויבען אונטער׳ן צייכען פון א פרידליכער צוזאמענארבייט צווישן אלע ריכטונגען.

פאריגע וואך איז פארגעקומען די צווייטע זיצונג פון קהלה-ראט. אויפ׳ן טאג-ארדנונג איז געשטאנען איין פונקט: וואהלען פון א פערוואלטונג.

די זיצונג עפענט דער פרעזעס פון ראט, ה׳ דוד ראזענבערג, וועלכער מעלדעט, אז לויט א בעשלוס פון סטאראסטווע ווערט געענדערט די ערשטע צעהלונג פון די וואהלען, אזוי, אז די אגודה פערלירט איין מאנדאט לטובת איהר פערבינדעטע ליסטע נומער 14. אין דער יעצטיגער זיצונג בעטייליגט זיך דעריבער דער ערשטער קאנדידאט פון דער דערמאנטע ליסטע, ה׳ יוסף קאהן.

דאן מעלדעט דער פארזיצער, אז עס זענען איינגעפלאסען 2 ליסטעס. איין ליסטע איז אריינגעטראגען געווארען דעם בלאק פון ציוניסטען - מזרחי׳סטען, האנדווערקער און אגודה און די צווייטע דורך אונפארטייאישען בלאק (כענטשינער און כמיעלניקער חסידים).

פאר די וואהלען בעקומט דאס ווארט פרנס קאהן, וועלכער ערקלערט, אז צוליב דעם וואס די אגודה פראקציע פערלירט דורך איהם איין מאנדאט אין ראט, האלט עס פאר זיין מאראלישע פליכט צו שטימען ביי די פערוואלטונג וואהלען פאר דער ליסטע 1.

דער רעזולטאט פון די וואהלען איז פאלגענדער: ליסטע 1 — 8 שטימען און 6 מאנדאטען, ליסטע נומער 2 — 6 און 4 מאנדאטען.

געוועהלט זענען געווארען פון דער ליסטע 1: א. י. מאשקאוויטש, משה אייזענבערג, פישל גאטהארט, י. גוטמאן, ש. לייכטער און ש. וויניארזש. נ. אסטראוויטש, י. בראווער, י. לעמבערג אלס קאנדידאטען.

פון דער ליסטע 2: מ. שטערענפעלד, י. לעווענשטיין, ש. ב. גאלדמאן און דוד ביינהאל. י. טוימאן און א. ב. גרינשפאן — אלס קאנדידאטען.

די קאנסטיטואירונג׳ס-זיצונג פון דער ניי געוועהלטע פערוואלטונג קומט פאר אין די נאהנטסטע טעג. ווי מיר דערוויסען זיך וועט אלס פרעזעס געוועהלט ווערען דער דאזאר א. י. מאשקאוויטש (ציוניסטען) און אלס וויצע-פרעזעס ה. מ. אייזענבערג (אגודה).

## בעריכטיגונג.

אין דער נאטיץ „פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע" פון פאריגע וואך, איז, צום בעדויערען, אריינגעפאלען א פערדריסליכער טעות.

פון דער נאטיץ זענען ארויסגעפאלען פאלגענדע ווערטער: „אלס ערשטער וויצע-פרעזעס פון דער ארגאניזאציע איז געוועהלט געווארען ה׳ ד״ר י. שאך".

מיר שטעלען פעסט, אז מיר האבען דערביי נישט געהאט די מינדעסטע כונה. עס איז געווען בלויז א טעות, וואס עס טרעפט זיך אפט אין יעדער צייטונג.

די יעניגע „חכמים", וואס האבען געוואלט פון אזא קלייניגקייט מאכען אויש א גאנצען „סקאנדאל" האבען זיך דערמיט אליין שוין נענוג לעכערליך געמאכט, איבריגענס האט ד״ר שאך זעלבסט זיך געקאנט איבערצייגען זייער צביעות׳דיגער „פריינדשאפט" צו איהם.




## א וואר פון „געזעלשאפטליכע" פעטש.

קעלץ האט היינטיגע וואך געשלאגען א רעקארד פון „געזעלשאפטליכע" פעטש. ווי אויף א ספעציעלען סיגנאל האבען בע׳עוולה טע געדעקט היינטיגע וואך די „אברעכנונגען" מיט זייערע געגנער מיט... פעטש.

דער פראלאג איז פארגעקומען ביי די יודישע דאקטוירים. צוליב א געלד-סכסוך האבען זיך 2 דאקטוירים אזוי שטארק צווערטעלט, אז דער סוף דערפון זענען געווען פעטש.

דאן זענען געקומען פאליטישע פעטש. דער לעגיאניסט ה׳ ר—ן איז דורכגעגאנגען דורך די שענקיטוויטשא און געהעדט, ווי א געוויסער שטארקמאן זאל האבען געזונגען די „ערשטע בריגאדע" אין א חוזק-טאן. נו, איז געקומען דער פסק אויפ׳ן ארט—פעטש.

האט איהר שוין אלזא „מאטעריעלע" און „פאליטישע" פעטש. איצט קומט די רייה אויף „פראפעסיאנעלע". אין א געוויסער מעדיצינישער פראפעסיע אין קעלץ געהט שוין אן א מחלוקה זייט יאהרען. פון צייט צו צייט ענטשטעהען צוליב דעם נישט איבעריג נוצבארע סקאנדאלען. עס דערגעהט אזוי ווייט, אז היינטיגע וואך האט איינער פון די דאזיגע העררן זיך דורכגעשמועסט מיט זיין „קאלעגע" אויף דער גאס אויפ׳ן לשון פון... פעטש.

דערפאר אבער זענען געבליבען געהיימניספול די פעטש, וואס עס האט בעקומען איינער פון די היגע אריסטאקראטען. ה׳ ז. רופט מען טאקי אן די דאזיגע פעטש מיט׳ן נאמען „די שווארצע האנד"...

הכלל: הימעל, ערד און פעטש...

— די — שענסטע
טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

ענגליש
איבערזעצונגען פון ענגליש
ענגלישע און פוילישע האנדעלס-קארעספאנדענץ
ערשטקלאסיג — מייסטערהאפט
ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2
אין די שעהן 9—7 פריה און אוונד.

# נאָך עטליכע טעג איז געבליבען איינצושרייבען זיך אין „עזרה“ צו פאָהרען קיין בוסק.

די מעדיצינישע קאָמיסיע ביי דער געזעלשאַפט „עזרה“ האָט שוין קוואַליפיצירט א גרעסערע צאָהל קראַנקע צופאָהרען אויף קוראַציע קיין בוסק.

צוליב דעם וואָס האָבען זיך געמאָלדען א גרויסע צאָהל קראנקע וועלען ביטעס ווערען אָנגענומען שפעטסטענס ביז׳ן 1-טען שערפּיען ד. ה. ביז ענדע היינטיגען מאָנאָט.

## ר׳ אלי׳ גאָטליעב ז״ל

היינטיגע וואָך איז אין ראדאָם געשטאָרבען דער אָנגעזעהענער בירגער ר׳ אלי׳ גאָטליעב.

דער פערשטאָרבענער האָט זיך גערעכענט צווישען די חשובי העיר. אַלס חסידישער יוד מיט גוטע מדות האָט ער זיך קונה געווען א שם טוב און די אַלע, וואָס האָבען איהם נעהנטער געקענט אין געזעהן זיינע מעשים טובים, האָבען זיך צו איהם בעצויגען מיט דרך ארץ און פ־ל פּיעטיזם.

דעם היינטיגען זומער איז ר׳ אלי׳ גאָטליעב געווען אויף דאַטשע אין גאַרבאָטקע צו ערהאָלען זיין געזונד, אָבער ער האָט נישט פערגעסען אין פיעל אָרימע קראַנקע און ער האָט זיי געהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקענט

ער האָט פיעל פערלייכטערט די אָרימע שוואכע און קראנקע ביים איינאָרדנען זיך אויפ׳ן זעלבען דאַטשע-אָרט און געגעבען זיי די מעגליכקייט אָבצופרישען זייער געזונד.

אין אַלע וויכטיגע ענינים לטובת דער שטאָדט האָט ער גענומען אַ׳אַקטיווען אנטייל. אויסער מיט אייגענער ברייטער האנד, האָט ער אויך בעוואויגען אנדערע צו שטיצען פערשידענע וואהלטהעטיגע אַקציעס. אויך אין די חינוך-ענינים פון יונגען יודישען דור, וואָס לערענט אין ת״ת אין בית-יעקב האָט ער אַלס שעהנער בן-תורה ארויסגעוויזען פיעל פערשטענדניש.

ת נ צ ב ״ ה.

## בעריהמטער ארטיסט פעלד קומט קיין ראַדאָם.

אין די נאָהנטסטע וואָכען וועט ראַדאָם האָבען איהר ליבלינג צו-גאַסט.

דער בעריהמטער ארטיסט יצחק פעלד, אָדער ווי מען רופט איהם דער יודישער טשארלי-טשאַפלין וועט דאָ אויפטרעטען אויף אייניגע גאַסטראָלען צוזאמען מיט זיין אויסגעצייכענטע טרופע.

פעלד קומט יעצט פון אַמעריקא, וואו ער האָט געשפּיעלט א לענגערע צייט מיט א רוישיגען ערפאָלג. היינט שפּיעלט ער אין סקאַלאַ-טעאַטער אין ווארשא און דער טעאַטער עולם איז פון איהם ממש ענטציקט.

## גאסט-שפּיעל

### פון די בעוויסטע ארטיסטען יאַראַטש, פוקס, קרוקאָווסקי.

די טעג וועלען די פּאָפּולערע און טאַלאַנטפולע ארטיסטען יאַראַטש, פוקס, קרוקאָווסקי אויפטרעטען אין טעאַטער ראַזמאיטאָשטשי“. שוין די נעמען אַליין פון אַלע די דערמאָנטע ארטיסטען זענען די בעסטע רעקלאַמע פאר זייער קינסטלערישער קוואַליטעט. זיי זענען א שם-דבר אין דער פּוילישער ווי אויך אין דער יודישער טעאַטער-וועלט.


דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליעד ר׳ משה יצחק האָראָוויטש נ״י

צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין וו. פרוי

בריינדיל נ״ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פערוו. „לינת-הצדק“ ראדאם.



Biuro próśb, windykacji i buchalterji

„EXPRESS”

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

za dostępną opłatę

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy it.p.
przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.
załatwia korespondencję handlową i prywatną.
windykuje należności miejscowe i zamiejscowe
informuje o zdolności kredytowej.

i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące

Tanio! Szybko! Solidnie!



GAZOWNIA

MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

קעכלער גאזאָווע איינס און צוויי פלאמיגע

קעכלעך פאַמילינע און האָטעלאָווע

אייוועלעך צום באָדען

אייוועלעך צום בראָטען

אייזענס צום פרעסען פאר פריוואַט און פאר שניידער

הייצערס צו פריזירער רעדלעך

„טערמאַ“ אטאָמאטישע אויף צו דערוואַרמען וואסער פאר דאָקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און ענליכע פראָפעסיעס.

אַלערליי גאַז-אַפּאַראַטען ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאָווניע פיהרט אויס שטוב - אינסטאַלאציעס

אויף אויסצוצאָהלען אין 12 ראַטעס.

די גאַז-אַפּאַראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאַדעס פון די גאזאָווניע אויף טלאָדזשאַנאָוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אַלע אינפאָרמאציעס ערטיילט די ביוראָ פון די גאזאָווניע טעל. 134.



Został otwarty w Radomiu

wolny skład Soli

Sprzedaż: ŻEROMSKIEGO 51

Składy: ŻEROMSKIEGO 120.



Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy



Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20